NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02615

DER GETRAYER EMES

Panye Glants

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאניא גלאנץ

דער געטרייער אמת

(פון פראנצויזישען)

געצייכענט פון ז. מאוד.

Copyright 1918
by
Jewish Book Agency, Inc'

1.

אמאָל איז אין אַ לאַנד געווען אַ קעניג. האָט איהם דאָס פאָלק זעהר ליעב געהאַט און האָט איהם גערופען גוטער קעניג, וואָרים ער איז געווען אַ גוטער און איז גרייט געווען צו העלפען יעדערען, וואָס האָט ביי איהם געבעטען הילף.

איינמאָל, ווען דער קעניג איז געווען אין וואַלד אויף יאַגד, האָט זיך געטראָפען, אַז אַ קליין ווייס קראָליקעל, וואָס דעם קעניגס הינט האָבען נאָכגעיאָגט, איז אַרויפגעשפרונגען צום קעניג אויף די הענט. האָט דער קעניג אַ גלעט געטון דאָס צושראָקענע חיה'לע און געזאָגט:

— נו, נו, ציטער ניט אַזוי. איך וועל דיך שוין באַשיצען פון די בייזע הינט און וועל זעהן, אַז דיר זאָל קיין זאַך ניט פעלען.

און דער קעניג האָט נאָכדעם גענומען דאָס

קראַליקעל צו זיך אַ היים, האָט באַפוילען, מען זאָל פאַר דעם ווייסען קראַליקעל אויפשטעלען אַ שען הייזקעלע, און אַז מען זאָל דעם קראַליקעל שטענ־דיג געבען גוטע זאַכען צו עסען און פרישע וואַ־סער צו טרינקען, און אַז קיינער זאָל דעם קראַלי־קעל קיינמאָל קיין בייז ניט טון.

און נאָך אין דער אייגענער נאַכט, ווען דער קעניג איז געבליבען אַליין אין זיין צימער, האָט זיך צו איהם פלוצלונג באַוויזען אַ וואונדער־שענע יונ־גע פרוי. זי האָט געטראָגען אַ לאַנג פאַלדיג קלייד. דאָס קלייד איז געווען ווייס, ווי ערשט געפאַלענער שנעע, איהר קאָפּ איז געווען באַצירט מיט אַ קראַנץ פון ווייסע רויזען. האָט זיך דער קעניג דערויף זעהר פאַרוואונדערט, וואָרים ער האָט ניט געוואוסט, ווער די דאָזיגע פרוי איז, און ער האָט ניט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי זי האָט געקאָנט אַריינקומען אין זיין צי־מער. און די פרוי האָט אויף איהם געקוקט אַ ווייַ־לע, און דערנאָך האָט זי זיך צו איהם אָנגערופען און אַזוי געזאָגט:

„איך בין דער גייסט פון אמת. און איך בין געקומען דיך אויספּרואוּוען און זעהן, צו ביסטו טאַ־

און דער קעניג האָט געגלעט דאָס ווייסע קראָליקעל און האָט צו איהם געזאָגט:
— נו, ציטער ניט, איך וועל דיך שוין באַשיצען פון די בייזע הינט און וועל
זעהן, אז דיר זאָל קיין זאַך ניט פעלען.

קע אויף אַן אמת׳ן אַזאַ גוטער, ווי מען דערצעהלט וועגען דיר. בין איך געגאַנגען און האָב זיך פאַר־שטעלט פאַר אַ קראַליק, און בין אַרויפגעשפרונ־גען צו דיר אויף די הענט צו בעטען דיין הילף; וואָרים איך ווייס, אַז דער, וואָס האָט רחמנות אויף אַ חיה, ווען זי געפינט זיך אין נויט, האָט געוויס אַ גוט האַרץ, און ער וועט זיכער אויך רחמנות האָ־בען אויף אַ מענשען. און דו ביסט געוועזן אַזוי גוט און אַזוי פריינדליך צו מיר, אַז איך וועל דיך דער־פאַר שטענדיג געדיינקען. דו האָסט מיך געמאַכט פאַר דיין אייביגען פריינד. בעט ביי מיר עפּעס. וואָס פאַר אַ טובה דו וועסט נאָר וועלען, וועל איך טון פאַר דיר.״

„גוטער גייסט,״ האָט געענטפערט דער קע־ניג: „איך בין שוין אַלט, איך וועל שוין לאַנג ניט לעבען, וועל איך דיך בעטען בלויז איין זאַך: בלייב אַ פריינד פון מיין איין־און־איינציגען זון, פּרינץ ליעבלינג״.

„איך בין עס שוין״, האָט געזאָגט דער גוטער גייסט: „איך קען מאַכען דיין זון פאַר דעם שענ־סטען מאַן אין דער וועלט, אָדער דעם רייכסטען,

אָדער דעם מעכטיגסטען. קלייב דו אַליין אויס, וואָס איז בעסער פאַר איהם.״

„איך וויל ניט, ער זאָל זיין דער שענסטער, אָדער דער רייכסטער, אָדער דער מעכטיגסטער מענש אויף דער וועלט. אָבער, אויב דו קענסט, מאַך איהם פאַר דעם בעסטען מענשען אין דער וועלט, וועל איך דיר דערפאַר זעהר דאַנקבאַר זיין, ווייל נאָר אַ גוטער מענש קען זיין גליקליך אין לע־בען״, — האָט געענטפערט דער קעניג.

„דו ביסט גערעכט,״ האָט געזאָגט דער גייסט פון אמת. „אָבער מאַכען דעם פרינץ גוט — דאָס קען איך ניט. ער אַליין מוז וועלען און מוז זיך מיהען צו זיין גוט. זיין גליק איז ביי איהם אין די הענט. איך קען דיר נאָר צוזאָגען, אַז איך וועל שטענדיג גרייט זיין צו העלפען איהם מיט אַ גוטער עצה: איך וועל איהם אויסרעדען, ווען ער וועט טון אַ פעלער, און וועל איהם באַשטראָפען, אויב ער וועט זיין שלעכט און וועט זיך אַליין ניט באַשטראָפען.״ און דער גייסט איז פאַרשוואונדען.

דער גוטער קעניג איז געבליבען צופרידען מיט אַזאַ צוזאָג. ער האָט געפיהלט, אַז ער האָט איצט

און די פרוי האָט געקוקט אויפ'ן קעניג און האָט צו איהם געזאָגט:
— איך בין דער גייסט פון אמת...

דער געטרייער אמת

פאַרזאָרגט זיין זון מיט אַ גוטען און געטרייען פריינד, און אַז ער קען שוין איצט רוהיג שטאַרבען. און גאָר אין גיכען איז דער קעניג טאַקע קראַנק געוואָרען און איז געשטאָרבען.

.2

פרינץ ליעבלינג האָט זיין פאָטער זעהר ליעב געהאַט און האָט זעהר געטרויערט נאָך איהם, ווען ער איז געשטאָרבען. וואָלט עס נאָר געווען מעג־ליך, וואָלט ער גערן אַוועקגעגעבען דאָס גאַנצע קע־ניגרייך מיט אַלע זיינע אוצרות, כדי איהם צוריק לעבעדיג מאַכען.

צוויי טעג נאָך דעם קעניגס טויט, ווען פרינץ ליעבלינג איז אַ באַטריבטער געזעסען איינער אַליין ביי זיך אין צימער און האָט געטראַכט וועגען זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער, איז פאַר איהם פלוצלונג ערשינען דער גייסט פון אמת און האָט צו איהם אַזוי געזאָגט:

„איך האָב צוגעזאָגט דיין פאָטער, אַז איך וועל פאַרבלייבען דיין פריינד, ווען ער וועט שטאַרבען. בין איך געקומען איצטער דיר ברייגען אַ מתנה” — און דערביי האָט זי אַראָפּגענומען פון איהר

האַנט אַ גאָלדען פינגערעל, האָט עס איהם אָנגע־
טון אויפ'ן מינדסטען פינגער און האָט צו איהם ווײ־
טער גערעדט, און אַזוי געזאָגט:
„הימ אָפּ אָט דאָס רינגעל. עס איז מער
ווערט, ווי די טייערסטע בריליאַנטען. יעדעס מאָל,
ווען דו וועסט טון אַ שלעכטע זאַך, וועט דיך דאָס
רינגעל אַ שטעך טון אין פינגער. הער זיך צו,
וואָס דאָס פינגערעל זאָגט דיר, וואָרים עס וועט
דיך פיהרען נאָר צו גוטען. און אויב דו וועסט
פאָרט טון שלעכטס, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָר־
נען פון דעם פינגערעל, וועסטו פאַרלירען מיין
פריינדשאַפט, און איך וועל ווערען דיין שונא.״
ביי די ווערטער איז דער גייסט פאַרשוואונ־
דען.
אַ שטיקעל צייט האָט זיך דער פרינץ אַזוי
גוט אויפגעפירט, אַז דער פינגערעל האָט איהם קיין
איין מאָל קיין שטאָך ניט געגעבען. — „ער איז
אַזוי גוט און פריינדליך, ווי זיין פאָטער״ — פלעגט
מען זאָגען וועגען דעם יונגען קעניג. און אַלע האָ־
בען איהם ליעב געהאַט, און ער אַליין איז געווען
צופרידען פון זיך, און ווייל ער איז געווען אַזוי

שען, אזוי גוט און אזוי באליעבט, האט מען איהם גערופען:

פרינץ ליעבלינג דער גליקליכער.

איינמאל איז דער פרינץ ארויסגעפארען אויף יאגד. א גאנצען טאג איז ער ארומגעפארען אין וואלד, און עס האט זיך איהם ניט איינגעגעבען צו שיסען אפילו איין חיה, אפילו קיין איין פויגעל. פונקט ווי אלע איינוואוינער פון וואלד וואלטען זיך צוזאמענגערעדט צו אנטלויפען, אויסבאהאלטען זיך פון איהם און ניט לאזען זיך שיסען. בייז און אומצופרידען איז ער געפארען צוריק אהיים. דער רינג, וואס דער גייסט האט איהם געשענקט, האט איהם עפעס אזוי מאדנע געדריקט דעם פינגער דעם גאנצען וועג. ווען ער איז אריין אין הויז, איז דאס קליינע הינטעל פיפי, וואס האט איהם זעהר ליעב געהאט, איהם אנטקעגען געלאפען און האט גענומען זיך פלאנטערען אונטער זיינע פיס פון פרייד.

— געה אוועק פון מיר! ביסט מיר אין וועג! — האט ער א געשריי געטון מיט כעס.

אבער דאס ארימע הינטעל האט ניט פארשטאנען, וואס ער זאגט, און האט ניט אויפגעהערט

צו שפרינגען אויף איהם און לעקען זיינע הענט פון ליעבשאַפט. האָט דער פרינץ פאַרלאָרען זיין געדולד, און האָט מיט'ן פוס אַ שליידער געטון דאָס הינטעל פון זיך.

און ווי נאָר דער פרינץ האָט דאָס געטון, אַזוי האָט ער גלייך דערפיהלט, אַז דער רינג האָט איהם שטאַרק אַ שטאָך געטון. עס האָט איהם וועה געטון, פונקט ווי עמיצער וואָלט אריינגעשטאָכען אַ נאָדעל אין זיין פינגער.

— צו דען בין איך געוועזן אַזוי שלעכט ? פאַר וואָס קומט מיר אַזאַ שטאַרקער שטאָך ? — האָט זיך דער פרינץ פאַרוואונדערט. — איך בין דאָך אַ קעניג, — האָט ער ביי זיך געטראַכט, — אַלע דאַרפען טון מיין ווילען. פאַר וואָס-זשע זאָל איך מיר ניט ערלויבען אַ שטויס צו טון מיין הינטעל, אַז עס ווילט זיך מיר ? קען אַ קעניג זיך ניט ערלויבען אפילו אַזאַ קליינינקייט ?

האָט זיך גלייך דעררויף דערהערט דאָס קול פון דעם גייסט פון אמת, און דער גייסט האָט צו איהם אַזוי געזאָגט :

„דו ביסט באַגאַנגען צוויי גרויסע פעלערען,

פרינץ ליעבלינג. ערשטענס, האסטו געמיינט, אז מענשען און חיות — אלץ איז באשאפען פאר דיין פארגעניגען וועגען. ביסט געווארען אין כעס, וואס די חיות פון וואלד קומען דיר ניט אנטקעגען צו לאזען זיך שיסען פון דיר. צווייטענס, ביסטו געווען שלעכט און אומגערעכט צו דיין קליין, שטום און אומשולדיג הינטעל, וואס האט בלויז געוואלט דיר אויסדריקען זיין ליעבע און פרייד. כעס און אומגערעכטיגקייט זענען צוויי גרויסע זינד."

דער פרינץ האט איינגעזעהן זיין שולד. ער האט זיך שטארק פארשעמט פאר זיך אליין און האט זיך געגעבען דאסווארט אויף ווייטער צו זיין בעסער.

אבער ער האט זיין ווארט ניט געהאלטען. איצט, ווען ער איז שוין געווען קעניג, איז איהם געווען שווער צו פארריכטען זיינע פעלערען. פלעגט איהם דער רינג זעהר אפט שטעכען. און א מאדנע זאך איז דאס געווען: פאר א קליינעם פעלער פלעגט איהם דער רינג בלויז א לייכטען דריק טון דעם פינגער; איז אבער זיין זינד געווען גרויס, פלעגט ער איהם אמאל צושטעכען ביז בלוט. דער

פרינץ פלעגט זיך ווייניג וואָס צוהערען צו דעם וואָרנען פון רינג. פון צייט צו צייט פלעגט דער רינג איהם פּאָרט אָפּשטעלען פון צו טון עפּעס אַ שלעכטע זאַך. צום סוף אָבער איז דעם פּרינץ מיאוס געוואָרען דערמאָנט און געשטראָפט צו ווערען פון דעם פינ־גערעל, האָט ער איהם אַראָפּגענומען פון פינגער און מיט כעס אַוועקגעוואָרפען.

און דער פּרינץ האָט דערפיהלט, אַז אָהן דעם רינג איז איהם אַ סך לייכטער און אַנגענעמער צו לעבען. ער האָט געקענט טון, וואָס איהם האָט זיך געוואָלט, יעדע נאַרישקייט, וואָס איהם איז איינגעפאַלען. קיינער האָט איהם מער ניט אָפּ־געשטעלט. און ער איז ענדליך געוואָרען אַזוי שלעכט, אַז אַלע האָבען אָנגעהויבען מורא צו האָ־בען פאַר איהם און איהם האַסען.

3.

איינמאָל האָט געטראָפען, אַז פרינץ ליעבלינג האָט אויף אַ שפּאַציר באַגעגענט אַ מיידעל, וואָס איז געווען אַזוי שען, אַז ער האָט גלייך באַשלאָסען חתונה צו האָבען מיט איהר. דאָס מיידעל האָט געהייסען סיליאַ, און זי איז געווען בלויז אַן אָרימע שעפּערין. אָבער זי איז געווען פונקט אַזוי גוט, ווי שען. דער פרינץ האָט געמיינט, אַז סיליאַ וועט זיין זעהר צופרידען צו ווערען זיין פרוי און דורכדעם אויך די קעניגין פון דעם לאַנד. ווי ערשטוינט איז ער אָבער געוואָרען, ווען זי האָט שטאָלץ געענטפערט:

„פרינץ, איך בין טאַקע נאָר אַן אָרים מיידעל, פונדעסטוועגען וויל איך מיט דיר ניט חתונה האָבען.“

האָט זיך דער פרינץ פאַרוואונדערט און געפרעגט:

„פאַר וואָס ? געפעל איך דיר ניט ?”

„פאַרקערט, דו ביסט זעהר שעֶן, און דו געפעלסט מיר”, האָט סיליאַ געענטפערט : „אָבער וואָס קומט מיר אַרויס פון די שענע קליידער, די גרויסאַרטיגע פּאַלאַצען און אַלע אוצרות, וואָס דו קענסט מיר שענקען, אַז דו פירסט זיך אויף אַזוי שלעכט, אַז איך מוז דיך האַסען און פאַראַכטען ?”

איז דער פּרינץ זעהר אין כעס געוואָרען פאַר אַזאַ שאַרפען ענטפער און האָט באַפוילען זיינע סאָלדאַטען, זיי זאָלען סיליאַ'ן בינדען און אַוועקטראַגען צו איהם אין פּאַלאַץ. אַ גאַנצען טאָג האָבען דעם מיידעלס ווערטער געקלונגען אין זיינע אויערען, און ער האָט זיך געפיהלט זעהר געקרענקט און באַליידיגט פון זיי.

ביים אָווענד-ברויט האָט דער פּרינץ דערצעלט זיין פריינד וועגען סיליאַ'ן און געפרעגט זיין עצה.

דער פריינד איז געוועזען זעהר אַ פאַרדאָרבענער מענש, האָט ער זיך אָנגערופען צום פּרינץ און געזאָגט :

„דו ביסט צו גוט, פּרינץ! איך וואָלט אויף

דיין אָרט דאָס מיידעל אַזוי לאַנג געהאַלטען אין געפענגניס אויף ברויט מיט וואַסער, ביז זי וואָלט איינגעשטימט חתונה צו האָבען מיט מיר."

„און אויב זי וויל פאָרט ניט, וואָס וואָלסטו געטון ?" האָט דער פרינץ געפרעגט.

„וואָלט איך זי אויפגעהאַנגען. אויב דו וועסט זיין צו גוט צו איהר, וועלען אַלע איינזעהן, אַז דו ביסט אַ שוועכלינג, ניט קיין קעניג, און אַז דיך קען יעדערער באַליידיגען אָן מורא. אַזאַ אָרים מיידעל, ווי סיליאַ, וואָלט געדאַרפט זיין גליקליך, וואָס דו ווילסט חתונה האָבען מיט איהר, און זי לאַכט זיך אויס פון דיר און דיין ליעבע."

מיט אַזוינע און נאָך אַנדערע רייד האָט דער נידריגער מענש אַריינגעבראַכט דעם פרינץ אין אַזאַ כעס, אַז ער איז אויפגעשפרונגען און איז אַוועקגעלאָפען אין יענעם צימער, וואו מען האָט בייטאָג פאַרפשאַרט דאָס אָרימע שענע מיידעל. אָבער דאָס צימער איז געווען ליידיג ! סיליאַ איז פאַרשוואונדען, און מען האָט זי אין ערגעץ ניט געקענט געפינען. דעם פרינצס צאָרן איז געווען שרעקליך. און ער האָט ביי זיך באַלד אָפּגעמאַכט, אַז עמי-

צער האָט איהר געהאָלפען אַנטלויפען און ער האָט גלייך געשוואָרען זיך נוקם צו זיין אַן יענע, וואָס האָבען איהר געהאָלפען אַנטלויפען.

ווען זיין שלעכטער פריינד האָט דאָס דער־הערט, האָט ער באַשלאָסען אַרויפצוואַרפען די גאַנצע שולד אויף אַן אַלטען איידעלען מאַן מיט'ן נאָמען סולימאַן. סולימאַן איז אַמאָל געווען דעם פרינצס לערער, און ער האָט דעם פרינץ ליעב געהאַט, ווי אַ פאָטער. ער פלעגט אָפט אויסרעדען זיין יונגען שילער פאַר זיין שלעכטער אויפפירונג. פון אָנפאַנג פלעגט פרינץ ליעבלינג איהם דאַנקען פאַר זיין גוטסקייט און פאַר זיינע קלוגע עצות; אָבער מיט דער צייט איז איהם דער אַלטער לערער מיט די שטראָף־רייד דערעסען געוואָרען, און ער האָט איהם באַפוילען צו פאַרלאָזען דעם פאַלאַץ. אָבער דעם פרינצס בייזער פריינד האָט שטענדיג מורא געהאַט פאַר'ן אַלטען גוטען סולימאַן און האָט פון איהם זעהר געוואָלט פטור ווערען.

איז ער געקומען צום פרינץ און האָט איהם אָנגערעדט, אַז סולימאַן האָט עם געהאָלפען סיליאַ'ן אַנטלויפען פון פאַלאַץ.

„ברענג איהם צו מיר געשמידט אין קייטען, ווי א פארברעכער!“ האט דער פרינץ א געשריי געטון, און איז אויסער זיך פון כעס, אריינגעלאפען אין זיין צימער. ווי נאר אבער ער האט אריי־בערגעטראטען די שוועל, האט זיך גלייך דערהערט א מורא׳דיגער קנאל פון א דונער — דאס גאנצע הויז האט אזש א ציטער געטון — און ער האט פאר זיך באלד דערזעהן דעם גייסט פון אמת. איהר בליק איז געוועזן פינסטער פון כעס און צארן.

„איך האב צוגעזאגט דיין פאטער, דיר צו גע־בען גוטע עצות, אויב דו וועסט זיי פאלגען, און דיך צו באשטראפען, ווען דו פאלגסט זיי נים. דו ביסט שוין אזוי שלעכט געווארען, אז דו האסט בלויז די געשטאלט פון א מענשען. אבער אין דיין נשמה ביסטו ערגער פון א בייזער חיה. דערי־בער באפעהל איך, אז דו זאלסט אויך קריגען דעם אויסזעהן פון יענע אלע חיות, וואס דו האסט ביז איצט נאכגעטון. דו האסט פארמאגט דעם כעס פון א לייב און די זשעדנעקייט פון א וואלף. ווי א שלאנג, ביסטו אונדאנקבאר באפאלען דעם, וואס איז געוועזן ווי א צווייטער פאטער צו דיר. און

און אין דעם לויטערען וואַסער האָט ער דערזעהן, ווי שרעקליך זיין נייעראויסזעהן איז געווען...

איינגעשפּאַרט ביסטו געווען, ווי אַן אָקס. זאָלסטו דערפֿאַר ענליך ווערען צו אַט די אַלע חיות מיט-אַמאָל."

דער גייסט, וואָס איז פֿאַר איהם געשטאַנען אין אַ שענער פרויענגעשטאַלט, האָט קוים צייט גע-האַט צו ענדיגען זיינע ווערטער, ווי דער פּרינץ האָט מיט שוידער דערפֿיהלט, אַז די קללה הויבט שוין אָן מקוים צו ווערען. — ער האָט געקראָגען דעם קאָפּ פֿון אַ לייב, און די הערנער פֿון אַן אָקס, און די פּיס פֿון אַ וואָלף, און דעם קערפּער פֿון אַ שלאַנג. אין דער אייגענער רגע איז ער פֿאַרשוואונדען גע-וואָרען פֿון זיין פּאַלאַץ, און ער האָט זיך דערזעהן ערגעץ אין אַ וואַלד, אויפ'ן ברעג פֿון אַ קלאָרען, שטילען טייך. אין דעם לויטערען וואַסער האָט ער דערזעהן, ווי אין אַ שפּיגעל, ווי אָפּשטויסענד, ווי שרעקליך זיין נייער אויסזעהן איז געווען. ברומענ-דיג פֿאַר כעס און וועהטאָג איז ער אַנטלאָפֿען פֿון וואַסער און האָט זיך ווילד געלאָזט לויפֿען איבער'ן וואַלד. ער האָט געוואָלט געפֿינען אַ ווינקעל, וואו ער זאָל זיך קענען באַהאַלטען, און קיינער זאָל קיינ-מאָל ניט דערזעהן, ווי עקעלהאַפֿט ער איז. און

אַזוי יאָגענדיג זיך, האָט ער זיך פאַרטשעפּעט אין אַ נעץ און איז אַריינגעפאַלען אין אַ פאַסטקע, וואָס יעגער האָבען געשטעלט צו כאַפּען בערען. די יעגער, וועלכע האָבען זיך באַהאַלטען אויף אַ בוים, זיינען אַראָפּגעשפּרונגען, געבונדען איהם אין קייטען און האָבען איהם אַוועקגעפירט אין דער הויפּטשטאָט פון זיין אייגען קעניגרייך.

.4

אין דער הויפטשטאָט איז גראָד געווען יום־טוב'דיג, ווען זיי זענען אָנגעקומען. מוזיק האָט גע־שפּיעלט, די הייזער זענען געווען באַדעקט מיט פאָ־נען, און יונג און אַלט, קינד און קייט, זענען אַרוים אויפ'ן גאַס און געזונגען און געפרעהט זיך, וואָס דעם שלעכטען פרינץ האָט אַ דונער דערשלאָגען אויף טויט אין זיין צימער. (וואָרים אַלע האָבען גע־גלויבט, אַז דאָס האָט פּאַסירט מיט איהם). די שלעכטע הויפלייט, וואָס האָבען דעם פרינץ די גאַנ־צע צייט אויף שלעכטע וועגען געפירט, האָט דאָס פאָלק אויפגעהאַנגען און פאַר אַ קעניג האָט דאָס פאָלק געמאכט דעם אַלטען גוטען סולימאַן, דעם פרינצס לערער.

די יעגער האָבען דעם אומגליקליכען פרינץ אַריינגעזעצט אין אַן אייזערנער שטייג און האָבען איהם געבראַכט אויפ'ן גרויסען מאַרק, אַנטקעגען

וועלכען עס האָט זיך געפונען זיין אַמאָליגער פּאַ-
לאַץ. און ער האָט דערזעהן, אַז אויפ'ן קעניגליכען
טראָן זיצט דער אַלטער סולימאַן, און דאָס גאַנצע
פאָלק פרעהט זיך מיט איהם און ווינשט איהם לאַנ-
גע יאָהר, ער זאָל קענען פאַרריכטען דאָס שלעכטע
און בייזע, וואָס דער פּרינץ האָט ביי זיין לעבען
אָפּגעטהון.

דער פּרינץ האָט דאָס אַלץ צוגעקוקט און ער
האָט געברומט און געריוועט פאַר וועהטאָג און
כעס.

באַלד האָט סולימאַן אַ מאַך געטהון מיט'ן
האַנט, און אַלע זיינען שטיל געבליבען. און סולי-
מאַן האָט זיך געווענדט צום פאָלק און האָט אַזוי
געזאָגט:

— איך האָב אָנגענומען די קרוין ניט צוליב
זיך, נאָר כדי איך זאָל קענען זי אָפּהיטען פאַר מיין
ליעבען פּרינץ. ער איז ניט טויט. ער וועט אפשר
נאָך צוריקקומען צו אונז אַ גוטער און אַ גערעכטער,
ווי ער איז אַמאָל געווען. זיין האַרץ איז גוט, ער
איז נאָר פאַרפירט געוואָרען פון שלעכטע מענשען.
לאָמיר האָבען מיטלייד אויף איהם. און וואָס

אַנבעלאַנגט מיך, בין איך גרייט באַלד צו שטאַר־
בען, אויב מיט מיין טויט וואָלט איך געקענט דעם
פרינץ צוריקברייגנגען צו אונז.

סולימאַן׳ס ווערטער זענען דערגאַנגען דעם
פרינץ ביז צום האַרצען. ער האָט פּלוצלונג דער־
זעהן, ווי שטאַרק דער אַלטער לערער האָט איהם
ליעב געהאַט. און דאָס ערשטע מאָל פאַר אַ לאַנ־
גער צייט האָט ער אָנגעהויבען חרטה האָבען אויף
זיין שלעכטער אויפפירונג. דער כעס איז איהם אָפּ־
געגאַנגען, און ער האָט אָנגעהויבען קלערען, אַז פי־
לייכט האָט ער זיין שרעקליכע שטראָף פאַרדינט.
ער האָט אויפגעהערט צו רייסען די אייזערנע גראַ־
טעס פון דער שטייג, אין וועלכער מען האָט איהם
געהאַלטען, און איז געוואָרען אַזוי רוהיג און מילד
ווי אַ שעפעלע.

.5

די יעגער, וואָס האָבען איהם געכאַפּט, האָבען איהם פאַרקויפט אין אַ טיר־גאָרטען. דאָרט האָט מען איהם געהאַלטען אויף א קייט צוזאַמען מיט אַלע איבריגע ווילדע חיות. דער אָרימער פּרינץ האָט באַשלאָסען צו זיין גוט און געהאָרכזאַם, און פאָלגען דעם מאַן, וואָס האָט אויפגעפּאַסט אויף איהם, ווייל ער האָט מיט'ן גאַנצען הארצען חרטה געהאַט אויף זיין פריהערדיגען שלעכטען לעבען. צום אומגליק איז אָבער זיין אויפזעהער געווען א גראָבער און פאַרדאָרבענער מענש, און ער פלעגט גאָר אָן אַ פאַרוואָס שלאָגען דעם פּרינץ, וועלכער האָט דאָך אויסגעזעהן ווי א שרעקליכער מאָנסטער.

איינמאָל, ווען דער אויפזעהער האָט געשלאָפען, האָט זיך אַ טיגער אָפּגעריסען פון קייט און האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף איהם. ווען פּרינץ ליעבלינג האָט דאָס דערזעהן, האָט ער זיך פון אָנפאַנג

דערפרעגט. גוט אויף דעם מערדער! זאָל איהם דער טיגער צורייסען! — האָט ער אַ טראַכט געטון, אָבער ער האָט באַלד מיטלייד געקראָגען אויפ'ן אומגליקליכען מאַן.

„ווען איך בין איצט פריי, וואָלט איך באַצאָלט מיט גוטס פאַר שלעכטס, און וואָלט מיין אויפזעהער געראַטעוועט פון טויט", — האָט ער זיך געקלערט.

אין דער אייגענער מינוט האָט זיך די טיר פון זיין אייזערנער שטייג פון זיך אַליין געעפענט. דער פרינץ איז אַרויסגעשפרונגען און האָט זיך אַ וואָרף געטון צום אויפזעהער. ער איז געקומען אין צייט. דער אויפזעהער איז געלעגען אויף דער ערד און האָט זיך מיט די לעצטע כוחות געראַנגעלט מיט'ן צורייצטען טיגער. ווען דער מאָנסטער איז אויך צוגעלאָפען, האָט זיך דער אָרימער מאַן שוין געזעגענט מיט'ן לעבען.

און ווער קען דען באַשרייבען זיין פרייד, ווען דער מאָנסטער האָט זיך גאָר אַ וואָרף געטון אויפ'ן טיגער, האָט איהם צוריסען אויף שטיקער און האָט

זיך דערנאָך אַ צופרידענער אַוועקגעלעגט לעבן זיין געראַטעוועטען שונא!

מיט גרויס דאַנקבאַרקייט האָט זיך דער אויפזעהער צוגעבויגען צו דער משונה'דיגער חיה און האָט געוואָלט זי אַ גלעט טון פאַר דער גרויסער טובה, וואָס זי האָט איהם געטון. אָבער עמיצער האָט פלוצלונג איהם איינגערוימט אין אויער:

„אַ גוטע טאַט בלייבט קיינמאָל ניט אונבעלוינט". און אויפ'ן שטעל איז דער מאָנסטער פאַרשוואונדען, און אויף זיין אָרט איז געלעגען אַ קליין, שען הינטעל!

פרינץ ליעבלינג איז געוועזען זעהר גליקליך פון דעם בייט, וואָס איז מיט איהם פאַרגעקומען. ער איז אַרומגעשפרונגען אַרום דעם אויפזעהער און האָט אויף אַלערליי וועגען געוויזען איהם זיין גרויסע פרייד. דער מאַן האָט גענומען דאָס הינטעל אויף די הענט און האָט עס אַוועקגעטראָגען צום קעניג. דער קעניגין איז געפעלען געוואָרען דאָס קליינע הינטעל, וועגען וועלכען דער אויפזעהער האָט דערציילט אַזאַ וואונדערליכע געשיכטע, און זי האָט עס גענומען פאַר זיך.

וואָלט ער געקענט פאַרגעסען, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ מענש און אַ קעניג, וואָלט פרינץ ליעבלינג געקענט זיין זעהר גליקליך. די קעניגין האָט איהם ליעב געקראָגען, פלעגט זי איהם גלעטען און צערטלען, און שפּיעלען זיך מיט איהם, און אויפפּאַסען אויף איהם. נאָר עסען פלעגט זי איהם געבען ווייניג. כדי עס זאָל ניט פעט ווערען, האָט איהר דער הויף־דאָקטאָר געראַטען צו האָדעווען דאָס הינטעל בלויז מיט ברויט, און דאָס אויך ניט צו פיעל. איז דאָס הינטעל אַרומגעגאַנגען נעבעך גאַנצע טעג הונגעריג. אָבער פּרינץ ליעבלינג האָט זיין הונגער געדולדיג אַריבערגעטראָגען און האָט זיך ניט באַקלאָגט.

איינמאָל, אין אַ פריהמאָרגען, איז איהם איינגעפאַלען, אַז עס וואָלט גוט געווען אויפצועסען דאָס פענעצעל ברויט, וואָס ער האָט געקראָגען אויף פריישטיק, ניט אין פּאַלאַץ, נאָר אין וואַלד. איז ער אַוועקגעלאָפען מיט'ן ברויט אין מויל אין וואַלד אַריין, צום ברעג פון אַ פאַרוואָרפען טייכעל, וואוהין ער פלעגט אָפט קומען. ער איז געווען שטאַרק איבערראַשט, ווען ער האָט דערזעהן, אַז אויפ'ן אָרט,

וואו עס איז פריהער געווען דאָס טייכעל, איז איצט געשטאַנען אַ גרויס הויז. עס איז געווען געבויט פון גאָלד און באַפּוצט מיט טייערע שטיינער. רייך געקליידטע מענער און פרויען האָבען אונגעדולדיג זיך געשטופּט און געריסען צו די טירען, און קלאַנגען פון מוזיק, טענץ און געלעכטער האָבען זיך געריסען פון די פענסטער. אָבער נאָך מערקווירדיגער איז געווען דאָס, וואָס די מענשען, וואָס פלעגען אַרויסקומען פון הויז, האָבען אויסגעזעהן בלאַס און אויסגעצערט, זייערע קליידער זענען געווען צוריסען און זענען, ווי שמאַטעס, געהאַנגען אויף זיי. אייניגע פלעגען פאַלען טויט גלייך אויפ׳ן אָרט, אַנדערע פלעגען מיט גרויס מי אַוועקקריכען ווייטער, און נאָך אַנדערע פלעגען צופאַלען צו דער ערד, האַלב פאַר׳חלש׳טע פון הונגער, און בעטלען אַ ברעקעל ברויט ביי די, וואָס פלעגען אָנקומען פרעליכע און געזונטע צום פּאַלאַץ. אָבער אַט די גליקליכע פלעגען זיך אַפילו ניט אומקוקען אויף די אָרימע באַשעפענישען.

פרינץ ליעבלינג איז צוגעגאַנגען צו אַ יונג מיידעל, וואָס איז געלעגען אויף דער ערד און האָט גע-

פראוועט שטילען איהר הונגער מיט גראָז, און ער האָט איהר אָפּגעגעבען זיין פּענעצעל ברויט.

— איך בין טאַקע זעהר הונגעריג, האָט ער געטראַכט, אָבער איך וועל ניט אויסגעהן פון הונגער ביז מיטאָג.

דאָס מיידעל האָט זשעדנע אַ וואָרף געטון זיך אויפ'ן ברויט, און, ווי זי האָט עס אויפגעגעסען, איז איהר גלייך בעסער געוואָרען. דער פּרינץ איז געוועזן זעהר צופרידען, וואָס ער איז אימשטאַנד געוועזן איהר צו העלפען, און האָט שוין געקלערט צו געהן אַהיים. פּלוצלונג האָט ער דערהערט אַ געשריי. ער האָט זיך אומגעקוקט און האָט דערזעהן, אַז עטליכע מענער האָבען מיט געוואַלד געשלעפּט סיליאַ'ן אין פּאַלאַץ אריין.

דאָס מאָל האָט דעם פּרינץ טיף פאַרדראָסען, וואָס ער איז שוין ניט מעהר קיין מאָנסטער, און ער קען זיך ניט אַ וואָרף טון צו ראַטעווען סיליאַ'ן. פאַר זיין שוואַכען האַווקען האָט קיינער קיין מורא ניט געהאַט, און די מענשען, וואָס האָבען דאָס מיידעל געשלעפּט, האָבען איהם מיט די פיס אָפּגעשטויסען און פאַרטריבען.

טרויעריג איז ער געבליבען שטעהן ארום פאַ-לאַץ, טראַכטענדיג:

— האָב איך דען אַמאָל אַליין ניט געטון דאָס זעלבע מיט סיליאַ'ן? האָב איך דען אַ רעכט צו זיין אין כעס אויף אַט די געמיינע מענשען, וואָס שלעפען זי איצט?

מיט אַמאָל האָט ער דערהערט אַ גערויש אי-בער זיין קאָפּ: עמיצער האָט געעפענט אַ פענס-טער. ער האָט דערזעהן, ווי סיליאַ איז צוגעלאָפען און האָט האַסטיג אַרויסגעשמיסען פון פענסטער אַ טעלער עסענוואַרג, וואָס האָט אויסגעזעהן זעהר געשמאַק. באַלד האָט זיך דאָס פענסטער צוריק פאַרהאַקט.

דער אָרימער פרינץ, וועלכער האָט אין זיין מויל נישט געהאַט אַ גאַנצען טאָג, איז צוגעלאָפען און האָט געוואָלט עפּעס אַ כאַפּ טון פון טעלער. אָבער דאָס מיידעל, וועלכער ער האָט פריהער אַוועקגעשענקט דאָס ברויט, האָט איהם אַ כאַפּ גע-טון אויף די הענט און האָט מיט שרעק געזאָגט:

— עס ניט, מיין גוט הינטעל. דאָס איז דער

פאַלאַץ פון פאַרגעניגען, און אַלצדינג, וואָס קומט פון דאָרטען, איז פאַר׳סמ׳ט.

„זעה, ווי יעדע גוטע טאַט ווערט בעלוינט!" האָט עמיצער אויסגערופען. און פון קליינעם הינטעל איז אין דעם מיידעלס הענט געוואָרען אַ שענע ווייסע טויב!

6.

דער פרינץ איז געווען ענטציקט פון זיין נייעם אויסזעהן. אָבער ער האָט באַלד פאַרגעסען וועגען זיך. ער האָט איצט נאָר געטראַכט וועגען סיליאַ'ן. ער איז געפלויגען אַרום און אַרום הויז, האָט אַריינגעקוקט אין אַלע ווינקעלאַך, ביז ער האָט געפונען אַן אָפענעם פענסטער. ער איז אַריינגעפלויגען, האָט דורכגעזוכט דאָס גאַנצע הויז, אָבער פון סיליאַ'ן איז קיין שפור ניט פאַרבליבען. פרינץ ליעבלינג איז געוואָרען זעהר טרויעריג. ער האָט סיליאַ'ן אַזוי געוואָלט זעהן! האָט ער באַשלאָסען אויסצופליהען די גאַנצע וועלט, ביז ער וועט זי געפינען.

טאָג און נאַכט איז ער געפלויגען, האָט אין ערגעץ ניט גערוהט, ביז ער איז געקומען צו אַ גרויסער וויסטעניש. דאָרטען, אין אַ טיעפער הייל האָט ער געפונען סיליאַ'ן. זי איז געזעסען ביי אַ טיש מיט אַן אַלטען גרייז-גראָען מאַן.

סיליא'ן איז געפעלען די שענע ווייסע טויב האָט זי זיך צו איהר אָנגע־רופען און געזאָגט:

— דו שענקסט זי מיר!? גוט טייבעלע! איך וועל דיך שטענדיג ליעב האָבען.

אַ גליקליכער האָט זיך דער פּרינץ אַראָפּגע־
לאָזט צו סיליאַ'ן אויפ'ן אַקסעל און האָט געפּרואווט
אויף אַלערליי וועגען דערצעהלען איהר, ווי ליעב ער
האָט זי. סיליאַ'ן איז געפעלען די שענע ווייסע טויב,
זי האָט זי צערטליך אַ גלעט געטון און געזאָגט:

— דו שענקסט מיר זיך, גוט טייבעלע?
איך וועל דיך שטענדיג ליעב האָבען.

און אָט די ווערטער איהרע האָבען מיט אַמאָל
אַראָפּגענומען די קללה פון איהם. ער האָט ווי־
דער צוריקבאַקומען זיין נאַטירליכען מענשליכען
אויסזעהן.

„איך האָף, אז דו וועסט מיך שטענדיג ליעב
האָבען, מיין טייער מיידעל!" האָט אויסגעשריען
דער פּרינץ.

„סיליא האָט דיך שטענדיג ליעב געהאַט,"
האָט געזאָגט דער גייסט פון אמת, וואָס איז געווען
פאַרשטעלט אין דעם גרייז־גראָען אַלטען, —
„נאָר, ווען דו ביסט געווען שלעכט און פאַרדאָרבען,
האָט זי דיר עס ניט געוואָלט זאָגען. איצט האָסטו
דיין גליק ערליך פאַרדינט."

סיליאַ און פּרינץ ליעבלינג האָבען גענומען היים

דאַנקען דעם גייסט פון אמת פאַר זיין גוטסקייט, אָבער, איידער זיי האָבען נאָך צייט געהאַט צו ענ־דיגען זייערע רייד, זענען זיי שוין געשטאַנען אין טראָן־זאַל פון קעניג סולימאַן. דער אַלטער לערער איז געווען זעהר גליקליך צו זעהן זיין תלמיד ווי־דער, און ער האָט מיט פאַרגעניגען איהם אָפּגעטראָ־טען צוריק די קרוין.

סיליאַ און פּרינץ ליעבלינג האָבען נאָכדעם לאַנגע יאָהרען געהערשט איבער זייער לאַנד, אָבער דער קעניג איז שטענדיג געווען אַזוי גוט, און גע־רעכט, און פריינדליך צו אַלעמען, אַז דער וואונ־דערליכער רינג, וועלכען ער האָט נאָכאַמאָל אָנגע־הויבען צו טראָגען, האָט איהם קיינמאָל מער ניט שטאַרק געשטאָכען.

און סיליאַ און פּרינץ ליעבלינג האָבען נאָכדעם לאַנגע יאָהרען געהערשט איבער זייער לאַנד.